ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מעשה פלאים

אידיש

67

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ז לפ"ק

ויהי עס איז אמאל געווען איין ארענדאר ער איז געווען זייער איין ערליכר יוד אונ איז געזעסן אין איין דארף ביי איין שררה ער האט געהייסן ר' ישראל. דר רענדאר איז געווען ביי דעם שררה זייער חשוב. היינו ער האט אן דעם רענדאר ניט געטאן קיין שום זאך ער האט ניט גקופט אויך ניט פאר קופט אן דעם רענדאר. ער איז אפ געזעסן ביי דעם ארון אצייט פון עטליכע יאר. דאמאלס פר דעם דארף פלעגט ער צו צאלן אוסגארע דס הייסט פר יעדערן קווארטאל האט ער געצאלט פריער. דר ארון איז פון ר' ישראל זייער קאנטענט געוועז. אין עטליכע יאר ארום מאכט זיך דעם ר' ישראלען איז שלעכט געווארן אין דר ארענדע אונ ער איז געווארן ארעם. עס איז געקומען דס קווארטאל ער האט ניט צו געבן דעם שררה קיין געלד אוסגארע. האט ער געבעטן דעם שררה אז ער וועט אים געבן איזדראלע דאס הייסט דס קווארטאל וועט אום גיין וועט ער אים באצאלן. דר שררה מחמת ער האט אים זייער ליב געהאט האט ער ביי אים גפועלט אז ער וועט נעמן ביי אים איזדראלע. עס איז געקומען נאך דעם קווארטאל ער האט ווייטער ניט. ער בעט דעם שררה ער זאל אים ווארטן וועט ער אים שון געבן מיט אמאל פר איין האלב יאר. דר שררה איז אפ אויך מרוצה געווארן אז ער זאל נעמן ביי אים פר א האלב יאר. עס איז געקומען צום האלבן יאר אונ ער האט ווייטער ניט צו געבן. זאגט דר שררה צו אים ישראל דו ווייסט אליין וואול אז איך טוא ניט קיין שום רענדאר פון אלע מיינע רענדארס דס וואס איך טוה דיר. ווייל איך האב דיך ליב טוא איך דיר נאך מיין זאך אפ אין דארף ביז סוף יאר אבער סוף יאר זאלסטו זעהן מיר אפ צו געבן די דאמאלע פון גאנצן יאר. נאר בשום לאו אז דו וועסט ניט אפ געבן סוף יאר פון גאנצן די דאמע זאלסטו וויסן אז דו ביסט דיין מיט

און וויפיל קינדר דו האסט זענט איר אלע פר פאלען איך וועל אייך אריין ווארפן אין איין גרוב ביז איר וועט דארט אום שטארבן. און גדענק דס גאנץ גוט און זעה סטארע זיך אז דו זאלסט האבן די ראטע פר אגאנץ יאר. דר ר' ישראל רענדאר דאנקט אים זעהר שיין און גייט פון אים אהיים. ער טראכט זיך וויא אזו עס וועט דר נאך זיין גוט איז אים איין חיי שעה. ער איז אפ געזעסן דס האלבע יאר אבר דר איטגליק האט אים צו גדינגט אז עס איז גקומן סוף יאר ער קאן אים ניט געבן אפילו פר איין קווארטיל. דר שררה שיקט אים רופן און זאגט אים נוא ווי איז מיין געלד. זאגט ער אז ער האט ניט איז די שררה גווארן אין כעס. און האט גשאפט מען האט גנומן דעם רענדאר און די רענדארקע און זיי האבן גהאט צוויי קינדר און מיט דעם דריטן איז זיא גוועזן מעוברת און מען האט זיי מיט אלייטר אראפ גלאזט אין איין גרוב. און מען האט גהייסן זיי געבן אלע טאג צו פונט ברוט און איין קווארט וואסר אויף יעדרן מענש. דארטן האבן זייא גדארפט לצורך אויך גיין (בהמנא לצלן) דר איינפיר איז גוועזן אז אלע נאכט האט גדארפט גיין צו דעם גרוב אנכרי אויף סטראזע. פלעגן די נכרים גיין אלע נאכט אקאליע. אז זייא פלעגן קומן צו גיין אויף דר סטראזע פלעגן זייא זיך אריין ביגן אין גרוב און פרעגן ישראל לעבסטו האט ער געענפרט יאא:

**ובאותו הכפר** אין דעם דארף זענן גוועזן צוויא גכרים איינר איז גוועזן אבעזריטניק ער האט קיין קינדר ניט גהאט, און איז גוועזן אסאוועסנע זייער. די גאנצע גראמאדע האבן אים ליב גהאט און ער איז גוועזן זייער רייך ער האט גהייסן איוואן. דר אנדרר איז גוועזן איין גמיינר חאדזייאן און איז גוועזן זייער אשלעכטר. אז דיא גאנצע גראמאדע האט אים פיינט גהאט ער האט גהייסן לאקאש. דר איוואן האט ליב גהאט איין יודן און דר לאקאש האט פיינט גהאט איודן אין גוועזן אז איוואן איז גקומן אויף דר סטראזע און האט גזעהן אז אין די טאלאצען איז שון פינצטר. פלעגט ער זיך אריין ביגן דעם קאפ אין גרוב אריין און פלעגט מיט דעם רענדאר ריידן און האט אים אלץ גטרייסט. ישראל זום ועט זיין דר סוף

וואס דו וועסט דא זאגן · ענפערט אים דר רענדאר פאר שטייא אליין וואס קאן איך טאן · איך זאל זיין אין דרויסן וואלט איך זיך געקאנט אפשר עצות געבן · אז איך זאל די ווייב אונ קינדר אויך ארויס נעמן אבר אז איך ליג אין גרוב וואס קאן איך טאן · דר איטואן פלעגט אים טרייסטן · איר האט איין גרויסן גאט ער איז אמתיר אמתרים ער קאן דיך פון דאנן אויך ארויס נעמן אונ הט אים גווינטשן אגוטע נאכט · אונ הט זיך אויך גלייגט שלאפן · אבר אז דר קאזאק פלעגט קומן · הט ער זיך אויך אריין גבוגן אין גרוב מיט דעם קאפ אונ הט אים גפרעגט · ישראל לעבסטו זאגט ער יוא · הט ער אים אן גשאלטן אונ הט אים צו גווינטשן אז ער זאל שון פון דארטן גיט ארויס · דר ווייל איז די רענדארקע דארטן גלעגן גוואַרן אונ הט גהאט איין קינד · נאר ווייל עס איז גוועזן אן איין באבע הט דס קינד ניט לאנג גלעבט אונ איז דארטן גישטארבן ליגט שון דס קינד אויך דארטן · אונ דיא ווערעם עסין דס · אין עטליכע וואכן ארום דארף איין קינד פון די צוויי קינדר אויך שטארב ווערן אונ איז אויך גישטארבען אונ ליגט אויך אין גרוב · דיא זאך הט אזו גוועהרט עטך צוויי יאר · נאר דר שררה הט איינמאל גשיקט גוואר ווערן זיין יעקאנאם צו זיי לעבן אלע · הט ער גזעהן אז צוויי קינדר זענן טוט נאר ער מיט זיין ווייב אונ איין קינדר לעבן נאך קאם קאם :

## ויהי מקץ שנתים

עס איז גוועזן סוף צוויי יאר · איז דר איטואן גקומן אויף דר אוסטרזשע צום גרוב דר נכרי איז גזעסן לעבן גרוב ביז ער הט גזעהן אז אין די פאלאצען איז שון פינצטר הט ער אריין גבוגן דעם קאפ אין גרוב אונ זאגט ישראל לעבסטו זאגט ער קאם קאם · פרעגט ער אונ די רענדארקע זאגט ער זי לעבט אויך · נאר דייקסט דס אלעבן · זאגט דר איטואן הארך צו איך האב גמיינט ביז אהער אז דו אליין וועסט דיר געבן עפעס איין עצה אבר דו זאלסט ארויס נאר איך זעה דאך אז דו טראכסט נאר ניט ארויס זיך מיט דיין ווייב · על כן זאלסטו וויסן אז איך האב אפ גטראכט פון אייערט וועגן איין עצה · נאר גאט זאל איך העלפן אז מיין עצה זאל מקוים ווערן · פרעגט ר׳

ישראל אדרבא זאג כ״ר וואס האסטו ביי טראכט זאגט דר איוואן א״ו. איך האב דיר געבראכט איין באנקע ברוינפען. אונ איך לאז זיא אראפ מיט איין שטריק. זאל די באנקע ברוינפען שטיין ביי דיר ביז עס וועט אום קומן די קאליע אויף דעם לאקאשען אונ אז ער וועט קומן אויף דר סטראזיע וועט ער דיך פרעגין לעבסטו. (וואָרום די פרעג האט גמוזט יעדער נכרי פרעגן) זאלסטו זאגן יוא. אונ זאלסט אים פרעגן לאקאש וועסטו נעמן אביסעל ברונפען וועט ער דיר זאגן גיב. זאלסטו אים זאגן איך וועל געבן. נאר באופן דו זאלסט אביסעל טרונקן אונ מיר אפ געבן דאס איבעריקע. אונ וויעדלוג ער איז איין שיכור וועט ער זיך צו נעמן די גאנצע באנקע. אונ וועט טרונקן ביז ער וועט שיכור ווערן אונ איך וועל שטיין אונטער דעם פארקן פון דעם הויף אבי ער וועט נאר אנשלאפן ווערן וועל איך קומן מיט איין שטריק אונ וועל איך ארום נעמן אונ ביי מיר וועט שטיין איינגעשפאנט אפיר מיט דריי פערד אונ וועל אייך אריבער פירן אבי איבר דעם שראנעם גרענעץ. אונ פון דארטן וועט איר זיך צו פארן ווייטער אבי איר זאלט בלייבן ביי אייער לעבן וועט אייך נאט העלפן צום לעבן:

וכן היה אונ אזו איז געווען. דר איוואן האט אריין געלאזט די באנקע ברונפען אין גרוב אריין מיט אשטריק. ר׳ ישראל האט זי צו גנומן אונ האט זי אנידר געשטעלט ביז לאקאש וועט קומן אין עטליכע נאכט ארום איז אן געקומן די משערע אויף לאקאשען ער זאל זיין אויף דר איסטראזיע איז ער געקומן צו גיין. ער בייגט אריין דעם קאפ אונ פרעגט ישראל דו לעבסט זאגט ער יוא (אונ דר איוואן איז ער שון אום געגאנגען אונטער דעם פארקן הערן אונ זעהן וואס דא וועט זיין. אונ אין דר היים שטייט שון אין שטאל איינגעשפאנט איין עגלה מיט דריי פערד שטארקע). פרעגט דר רענדאר דעם לאקאשען שלאפט מען שון אין די פאלאצן זאגט ער יוא וואס דארפסטו. זאגט ר׳ ישראל צו אים ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן. זאגט ער זאג. זאגט ער לאקאש טאטר ווילסטו אטרונק ברונפען זאגט ער גיב. זאגט ער יוא איך וועל דיר געבן די גאנצע באנקע זאלסטו טרונקן וויפיל דו ווילסט אונ דאס איבעריגע זאלסטו

יר צוריק געבן. דר לאקאש האט אראפ גלאזט דעם שטריק:
אונ ר׳ ישראל האט אים אן גבונדן די באנקע בראנפן אונ ער
האט זי ארויף גנומן. דר לאקאש טראכט שון ניט אפ צו געבן
דיא באנקע צוריק אונ האט אין זיך אריין גגאסן דעם ברונפן
בין ער איז אויף דעם ארט אנידר גפאלן אונ איז גבליבן שלאפן
טויט שיכור אונ די באנקע שטייט לעבן אים. דר איוואן האט
פר זעהן אז ער שלאפט שון אונ חראפעט גאנץ גוט איז ער
גגאנגן צו צום גרוב אונ האט אראפ גלאזט איין שטריק. אונ
זאגט אים ישראל בונד דיך ארום מיט דעם שטריק אונטער
די הענט אונ איך וועל דיך ארויף נעמן. ר׳ ישראל האט אזוי
גטאן ער האט אים ארויף גצויגן אונ לאזט נאך אמאל אריין דעם
שטריק גנעמט די רענדארקע אונ בונד זיך אויך ארום אונ זיי
ביידע ציהען זי ארויף. דר איוואן גנעמט זיי ביידע צו זיך אונ
זיי האבן זיך ארויף גזעצט אויף דר עגלה. אונ ער האט זיי אוועק
גפירט עטליכע מייל ביז איבר דעם שררות גרענעץ. אונ האט
זיי גגעבן געלד נאך עטליכע קערבליך. אונ האט זיך מיט זיי
אפ גזעגינט אונ ער איז גקומן ביז טאג אהיים אונ האט ארום
גלאזט די פערד גלייך ווי ער איז נאר גישלאפן א גאנצע נאכט
אין דר היים. דר רענדאר מיט דר רענדארקע מחמת גרוס
פרייד האבן זיי פר געסן אז זיי האבן דארטן אין גרוב איבר
גלאזט איין לעבידיק קינד. נאר זיי האבן שון בעסר ניט גקאנט
מאכן. זיי זענן זיך ווייטר פון דארטן אוועק גפארן אונ אוועג.
אונ מהסתם האט זיי דר השי״ת גהאלפן:

ויהי בבוקר עס איז גקומן אין דר פריא די גבירים פון דארף
האבען אן גהובן צו גיין אויף דר פאנשטישנע.
זייא זעהן אז לעבן גרוב ליגט לאקאש שיכור אונ שלאפט
אונ איין האלבע באנקע מיט ברונפן שטייט לעבן אים.
דיא גבירים זענען גגאנגן צום פקיד. אונ זאגען אים דיא זאך.
דר פקיד לופט ארום זעהט ער אז ער ליגט האלב טויט. מען
וועקט אים מען רייסט אים מען קאן אים ניט דר וועקן.
דר נייער איז דר שררה אויף גישטאנען. איז גגאנגן דר פקיד
אונ האט דעם שררה גראפארטירט. אז דר סטראז לאקאש ליגט
לעבן דעם גרוב שיכור אין איין האלבע באנקע ברונפען שטייט

לעבן אים : דר שררה גייט אליין אונ זעהט ווי ער איז טויט שיכור מען רייסט אים אבר מען קאן אים ניט דר וועקן . דר שררה לאזט אים שלאפן ביז ער האט זיך אוס גישלאפן . דר שררה הט געשאפט מען זאל אריין גיין אין גרוב אונ זעהן וועהר דארט איז דא . מען האט געזעהן איז מיין ניטא נאר איין קליין יונגעל . מען האט דאס יונגעל ארוס גנומען . דר וייל איז דר לאקאיש אויף געשטאנען . דר שררה האט געשיקט צו נאך רופען אלע לייטישע גברים . אונ האט גהייסן זייא משפטן דעם לאקאשן . דר איוואן זאגט ליבר שררה ווען עס זאל זיין אויף מיין סאד . וואלט איך אים גהייסן דיא הויט אראפ נעמן . היתכן . מארגן וועסטו אים שטעלין צו דיא סאגעזאנים . אונ איינר וועט קומען מיט איין קוואַרט ברונפען . וועט ער אים אריין לאזן אין מאגיזאן אונ ער זאל זיך צו נעמן אין גאנצן פון דארטן איז דא . בקיצור מען הט דעם לאקאשען אפ געגעבן זיין משפט . דס יונגילע שטייט . פרעגט דער שררה דיא גראמאדע וואס טוט מען מיט דעם יונגעל . רופט זיך אן איוואן ליבער שררה . אזוי ווי דיא ווייסט גז איך האב ניט קיין קינדר . בעט איך דיך שענק מיר אים אוועק אונ איך וועל אים אוס האוועען וועט ער זיין מיין זין . אונ איך וועל קאנען מיט אים אפ קומען איין פיינשטשיזנע . אונ ער וועט זיין ביי מיר דר גאנצר בעל הבית . דעם שררה איז זייער געפעלן . אונ האט אים אפ געגעבן צו דעם איוואן . ער איז געוועזן בייא אים איין צייט . ער הט ביי אים גפאשעט פריר קליין נוארג דר נאך הט ער שון אן גהויבן צונ פאשען די אקסען :

ויהי לימים . עס איז גקומען אין איין צייט ארום : דס יונגעל פאשעט די אקסען . אונ האט זיך גדארפט צו קרונגען מיט איין אנדר בן נכרי האט יענר אים אוס גווארפען אונ זאגט אים דו ביסט איין יוד (זיד) דס יונגעל קומט אהיים . אונ זעצט זיך אנידר אין דרוסען אונ וויינט . דיא מאמע דיא נכרית רופט אים אריין אונ זאגט זינא קום עסען ער ווי[ל] ניט גיין . בקיצור דר פאטר איוואן איז גקומען אהיים פרעגט

ער אים וואס ווייניקסטו. זאגט ער. דער אונ דר גברי האט אים
געזאגט אז ער איז איין יוד דר איוואן זאגט אים הער ניט וואס
ער זאגט. דוא ביסט מיין קינד אונ איך בין דיין טאטע. אונ
דס איז דיין מאמע. ער איז געגאנגן עסן. אין אצייט ארום
צו קריגט ער זיך נייטר מיט איין פאסטוך. ווארפט ער אים
אויף אום דוא ביסט איין יוד איין סימן דוא ביסט גימלת. דם
יונגעל קוקט זיך צו זעהט ער אז ער איז טאקע גימלת. איז ער
געקומן אהיים. אונ האט זיך גוט צו ווייגט גיט אנדערש זאגט מיר
פאר וואס ביי קיין שום נכרי איז ניט אזוי ווי ביי מיר.
אסך צו ריידן פאסט ניט. דר איוואן האט דר זעהן אז עס
ציהט אים צו זיין שורש. זאגט דר איוואן צו אים. שא מיין
קינד איך וועל דיר זאגן דעם אמת. נאר זאלסט קיינם ניט דר
ציילן. אמת דוא ביסט איוד. אונ קומסט ארום פון יודען.
נאר וואס מיט דיר איז דיא מעשה קאן איך דיר ניט דר ציילן
מחמת דוא ביסט ביי מיר. נאר איך וועל שון זעהן ביי
טראכטן אז דו זאלסט זיין איין יוד. אזוי ווי דיין טאטע מאמע.
[או]נ איז ארויבר געגאנגן צום שררה אונ זאגט אים אזוי. ליבר
שררה איך האב צו גנומן דאס יונגעל. איך האב גמיינט אז
איך וועל פון אים האבן איין פאסטעך. נאר ווי איך זעה איז
אמת וואס לייט זאגן. האדאווע אוואלף אונ ער קוקט אין וואלד
אריין. אזוי איז דם מען האט אים געזאגט אז ער איז איוד ליגט אים
שון דם אין קאפ. ער בן נעם דיר אים צו אונ ער זאל זיין בייא
דיר איין לייב דינער ער זאל דיר פוצן דיא שטיוויל אויך דיינע
מלבושים אונ ער וועט תמיד זיין לעבן דיר וועט ער זיך ניט
קרוגן מיט קיינעם. אין איטליכר וועט מורא האבן אים צו
זאגן יוד. ביז ער וועט פר געסן ווס מען האט אים געזאגט יוד. דעם
שררה איז דם געפעלן ווס איוואן האט אים געזאגט אונ האט צו גנומן
ביי אים דם יונגעל אונ האט אים גהייסן מאכן לאבעריע אונ ער
איז געווארן ביי אים זיינם אלייב קנעכט. אונ ער האט אים
אפ געגעבן זיין עובדא צו פוצן די שטיוועל אויך אלע מלבושים
[..]רע נאכט אז אין דר פריא זאלן זיי שיין זיין גפוצט. בשעת
[א]ז דם יונגעל דם קנעכטשיל איז אוועק געגאנגן פון איוואן.

האט ער אים נאר אן גזאגט. דו זיי אין חוף ביז איך וועל
דיר היימן קומען צו גיין וועט זיין רעכט. דם קנעכטיל איז
אוועק גוועזן אין הויף איין ערך איין האלב יאר. דר איוואן
זאגט צו אים היינט און דר נאכט זאלסטו דעם שררה
אוים פוצען אלע זאכן. און אז ער וועט זיך שון לייגן שלאפן
זאלסטו קומען צו מיר. וועט שון רעכט זיין:

כך הוה אזו איז גוועזן. עס איז גקימען דיא נאכט דאס
יונגעל דער לייב קנעכט האט דעם שררה אום
גטאן דיא שטיוויל אוך אלע מלבושים. און דער שררה
האט זיך גלייגט שלאפן ער הט גנומן אלע זייגע זאכען
און הט איבר גפוצט און הט זיי אנידר גלייגט אוף זיין טישל
ווס לעבן זיין בעט איז גישטאנען. און ארום האלבע נאכט איז
ער אוועק גגאנגן צו איוואנען. ביי דעם איוואן איז שון גוועזן
גישפאנט די פיר גרייט פון תחלת הלילה ווי דם יונגילע איז
גקומען צו גיין. הט ער אים ארוף גחאפט אוף דעם וואגן. און
איז מיט אים אוועק אוך איבר דר גרעניץ און ער הט אים דר
ציילט אז ער הט זיין פאטר און מוטר אוך ארום גיגנבת פון
דעם גרוב און הט זיי דעם גרעניץ אריבר גפורט. אז ער הט
אים דעם גרעניץ אריבר גפורט. הט ער אים צו גפורט צו איין
שטעטיל. און זאגט אים אהן אז דו זאלסט אריין גיין צוא
איין יודען. און זאלסט אים זאגן אז דו ביסט איור אפימן איך
בין גימלת. און נאריר צוויי קערבליך מען זאל דיר קופען
יודעשע קליידר און מען זאל דיך אוועק שיקן ווייטר. בקיצור
מען הט אים גשיקט פון שטאט צו שטאט ביז ער איז אן
גקומען קיין זאמאשטשיב. צו הרב הצדיק יחיאל מיכל זללה״ה. דער
צדיק הט דם יונגעל דר זעהן. איז ער אים זייער גפעלין. און
הט אים אפ גגעבן צו איין מלמד. דר מלמד הט אנגהויבן
מיט אים צו לערנן. ער הט גלערינט ערך דריי יאר ער
איז גוואורן איין למדן ווס די שטאט הט מיט אים גיקלינגען.
דם יונגעל איז חשוב גוועזן ביי דעם רבי ר׳ מיכל ז״ל אז
ווי דם שווארצע אפעל פון אויג און ער הט פון זיינט וועגן
צו גיקליבען מתמידים חריפים ובקיאים. עס הט אים גקאסט
אסך די מלמדים. ער איז אלט גוואורן דרייצען יאר ער דארף

שוֹן װערן בר מִצְוָה ; דֶענְצְמָאל אִיז עֶר שׁוֹן קְלָאר גְוֶועֶן אִין ש"ס בַּבְלִי . יְרוּשַׁלְמִי . סִפְרָא סִפְרִי . תּוֹסֶפְתָּא . מְכִילְתָּא . דֶר רֶבִּי הַקָדוֹשׁ הָט גִמַאכְט אַיין גְרוֹיסֶע סְעוּדָה . אוּנ דָס יוּנְגֶל הָט גִזָאגְט אַחִילוּק עֶס הָט גִבְּרָאכֶן מוֹחוֹת . עֶר הָאט אָבֶּר נָאךְ גִדַארְפְט לֶערְנֶן אַזוֹ אַלֶערְנֶעקֶץ װָס עֶר טוּז הָאבְּן אַיין רֶבִּי . הָט אִים דֶר הַיילִיגֶער צַדִיק גִשִׁיקְט קֵיין בְּרָאד . אוּנ מֶען הָט גִבְּרַאכְט אַיין מְלַמֵד אַיין גְרוֹיסֶן תַּרִיף . אוּנ הָט מִיט אִים נָאךְ גִלֶערִינְט אַיין יָאר . אַז עֶר אִיז אַלְט גְוָוארֶן פוּפְצֶעהֶן יָאר הָט דֶר הַיילִיגֶער צַדִיק אָן גְהוֹבֶּן אַלֵיין מִיט אִים צוּ לֶערְנֶען (חָכְמַת אֱמֶת) דָאס הַייסְט קַבָּלָה סְפָרִים װַייל זַיין מוֹחַ אִיז גְוֶועֶן זֶעהְר גְרוֹיס . הָט עֶר דִי חָכְמַת מַשִׂיג גְוֶועֶן וִוי אַיינֶר פוּן דִי אַלְטֶע מְקוּבָּלִים . הָט דֶר צַדִיק מִיט אִים עוֹסֵק גְוֶועֶן צְוַוויי יָאר אִין קַבָּלָה . אַז עֶר אִיז שׁוֹן אַלְט גְוֶוארֶן זִיבְּצֶעהֶן יָאר . הָט אִים דֶר רֶבִּי אַרַיין גְרוּפֶן אוּנ זָאגְט אַזוֹ . דוּ בִּיסְט שׁוֹן זִיבְּצֶעהֶן יָאר אוּנ דִיא מִשְׁנָה זָאגְט . בֶּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה . אַיין גָאוֹן בִּיסְטוּ אִין נִגְלֶה אוֹיךְ אִין נִסְתָּר . נָאר אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט אַצַייט יָארֶן גְגֶעסֶן טְרֵיפוֹת . ע"כ דַארְפְסְטוּ דָם יָאר פְּרַאוִוין גָלוּת . דוּ זָאלְסְט גַיין אַגַאנְץ יָאר . וִוי דוּ װֶעסְט טְאגֶן . זָאלְסְטוּ נִיט גֶעכְטִיגֶן . אוּנ וִוי דוּ װֶעסְט גֶעכְטִיגֶן זָאלְסְטוּ נִיט טָאגֶן . דֶעם בָּחוּר הָט זִיךְ בְּוַודַאי נִיט גִגְלוּסְט אַװֶועק פוּן דֶעם צַדִיק . אוּנ וִוידֶר עֶר װַייסְט גָאר נִיט וִוי צוּ גַיין . עֶר אִיז קֵיין מָאל נִיט גְפָארֶן . אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן גַיין צוּ פוּס . נָאר װָס זָאל עֶר טָאן אַז דֶר רֶבִּי הַייסְט אַזוֹ . אוֹיף אַיין טָאג הָט דֶר' רֶבִּי גִמַאכְט אַיין סְעוּדָה . אוּנ הָאט צוּ נוֹיף גְרוּפֶן אַלֶע פָאר נֶעמְסְטֶע מֶענְשֶׁן . אוּנ דֶר בָּחוּר הָט גְזָאגְט תּוֹרָה אוּנ נִגְלֶה אוּנ נִסְתָּר . דֶר צַדִיק הָט זִיךְ מְחַיֶה גְוֶועֶן אַז עֶר הָט מַעֲמִיד גְוֶועֶן פוּן אַזוֹ אַיוּנְגֶל אַבֵּנִי שְׁלֵמָה . דֶר בָּחוּר הָאט זִיךְ מִיט אַלֶע אָפּ גְזֶעגִינְט . אוּנ דֶר רֶבִּי הָט אִים אוּם גְקְלַייד אוּנ הָט אִים גִמַאכְט כְּלֵי גוֹלֶה . אוּנ הָט זִיךְ אָנְגְהוֹבֶּן מִיט אִים גְזֶעגִינֶן . אוּנ זָאגְט אִים אָן . אַז עֶר װֶעט אַרוֹיס גַיין פוּן שְׁטָאט זָאל עֶר גַיין קֵיין מִזְרַח זַייט דָם גַאנְצֶע יָאר װָס עֶר װֶעט גַיין זָאל עֶר אַרְץ גַיין קֵיין מִזְרַח זַייט אוּנ וִוי עֶר װֶעט טָאגֶן זָאל עֶר נִיט גֶעכְטִיגֶן . דֶעם גַאנְצֶן װֶעג פוּן אַגַאנְץ יָאר . זָאל עֶר נִיט װַייזֶן זִיךְ אַז עֶר קָאן עֶפִּיס לֶערְנֶען . נָאר דָם זָאלְסְטוּ הָאבֶּן

דעם סימן אז עס איז אום גגאנגן שון דס יאר . אז דו וועסט
קומן אין איין אורט אריין אונ מען וועט דיך בעטן אז דוא
זאלסט דארטן בלייבן . אונ אפשר וועט מען דיר דארטן וועלן
געבן א ווייב . זאלסטו צו שטיין אונ דארטן בלייבן . אונ הט
אן גשריבן איין קוויטיל . אונ הט אים אריין גלייגט אין כנפה
פון די ציצית אונ הט אים אליין פר נייט . אונ הט אים אן
גזאגט . אז דארטן ווי דו וועסט חתונה האבן זאלסטו קודם
החופה נעמן יענעם רב . אונ דיא אונטר פירערס . אונ זאלן
אוף טרעגן די כנפה אונ איבר לייענן דם קוויטל . אונ גזעגינט
זיך שון מיט אים אפ . אונ דר היילינגר צדיק האט אים מיט
מענשן ארום בלייט ביז אין דר בראם אונ הט אים גבענשט ,
אונ ער איז אוועק גגאנגן זיין וועג . אונ דר צדיק מיט די מענשן
האבן זיך אומגקערט אין שטאט אריין . דר בחור איז גגאנגן איבר
דעם וועג . אונ האט זייער גוט גוויינט אונ פלעגט אלע טאג
זאגן על חטא ווייל ער איז אצייט גוועזן צווישן גוים אונ הט
גגעסן טריפות . ער איז אזו גגאנגן ווי דר צדיק הט אים אן
גזאגט . אונ וויא ער הט גמאגט האט ער ניט גנעכטיגט . דעם
גאנצן וועג הט ער זיך ניט גוויזן אז ער קאן עפיס לערנן נאר ווי
איין פראסטער מענש . אונ אזו איז ער גגאנגן איין גאנץ יאר :
ויהי לשמונה עשרה שנה אז עס איז גקומן די צייט אז ער
הט גדארפט ווערן שון אכצעהן יאר . אין די צייט איז
גוועזן אום ווינטר איז ער אן גקומן אין איין דארף אוף דר
נאכט וואס דארטן איז גוועזן איין רענדאר א רייכר אונ איין
ערליכר ייד . אונ הט גהאט שיינע קינדר וועלכע זיי האבן גקאנט
לערנן אונ זענן גזעסן אונ האבן גלערינט טאג אונ נאכט . דר
בחור איז אריין גקומן אין דר קרעטשמע נעבעך זעהר פר פרורן .
עס איז אבר גוועזן אפולע קרעטשמע מיט גוים זאגט דר
רענדאר יונגר מאן געה זיי מוחל אוף דעם אונטרשטן טויער
איז דארטן דא איין שטובל דארטן זיצן מיינע קינדר אונ לערנען .
אונ דארטן איז גאנץ ווארם נעמסטו זיך דארטן אפ רוען אונ
גוט אום ווארעמן . דר בחור איז גגאנגן אין שטיבל אריין ער
קומט אריין זעהט ער אז עס איז זעהר שיין אונ ווארעם .
אשאפע מיט ספרים שטייט . אונ צוויי יונגע לייט זיצן אונ

לערנען זעהר געשמאק זיי האבען גאר ניט איין געזעהן ווי ער איז אריין געגאנגען . ער האט זיך געזעצט לעבען דעם רבי . ער האט זיך גאר מחיה געווען . אונ ווייל ער איז געווען זעהר מיד האט ער זיך אויף דער באנק צוגעלייגט . ווי ער ליגט אזוי הערט ער ווי זיי זענען זיך מפלפל אין א שטיקל גמרא . אבער זיי קאנען ביידע ניט . האט ער זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטען . אונ זאגט אזוי געוואלד וואס רעט איהר . איהר זענט אראפ געקראכען פון דעם אמת'ן פשט . דעריבער קאנט איהר ניט . זיי האבען דער הערט איז ביי זיי אין הארצען געווען איין געלעכטער אפשר גייער זאגט אז זיי קאנען ניט . זיי גיבען איהם שלום . אונ זאגען איהם אדרבא זאג דו דעם פשט . ער האט זיי געזאגט האבען זיי מודה געווען אז דער אמת איז אזוי . עס איז געקומען דיא צייט פון וועטשירע איז אריין געקומען דער משרת רופען זיי עסען . האבען זיי דעם בחור אויך גערופען עסען מען האט איהם מכבד געווען מיט א טרונק בראנפען . די יונגע לייט האבען זיך מיישב געווען אונ זאגען דעם פאטער אז ווי דער בחור איז נעביך אפגעריסען אונ עס איז היינט ווינטער . טאמער וואלט מען איהם איין געבעטען אז ער זאל לערנען מיט אונזער קליין ברודערל . דארף ער לערנען אין שטאט אונ זאל נעבעך דעבען אין בחקות ביי דעם מלמד . זאג איהם צו עטליכע קערבליך . אונ אז ער וועט לערנען מיט איהם צוויי שעה אין טאג איז בעסער וויא דער מלמד וועט מיט איהם לערנען א גאנצען טאג . דעם פאטער איז דיא זאך זעהר געפעלען . ער בעט דעם בחור אונ רעט איהם איין . דארפסטו זיך שלעפען אויף דער וועלט אונ אום ווינטער . בלייב ביי מיר וועסטו לערנען מיט מיין קינד . אונ איך וועל דיר ערליך בצאלען . דער בחור האט זיך דער מאנט אז דער רבי האט איהם געזאגט דארטען וויא מען וועט איהם בעטען זאל ער בלייבען . דרום איז ער מרוצה געווארען ער זאל לערנען מיט דעם קליינעם יונגל . דער פאטער איז אין דער פריא אין שטאט אריין אונ האט דעם מלמד געשענקט עפיס אונ האט דם יונגל אפ גענומען אהיים אונ ער האט מיט איהם אנגעהויבען צו לערנען . די יונגע לייט האבען דער הערט ווי אזוי ער לערנט מיט דעם יונגל . האבען זייא געקוואלען . אויף דער אנדערע נאכט זיצט דער בחור ביא דעם אובען אונ וואריעמט זיך , אונ דיא יונגע לייט האבען זיך געזעצט

לערנן פוסק. יורה דעה אדר ש"ך. און ער הערט אוסן ווייניג
ווי זיי לערנן. זייא זענן גקומן אויף איין אורט און האבן זיך
פר האקט אויף מחמת זיי האבן שלעכט גלערינט דעם פשט
איז זיי קשה גוואורן קשיות (זה אומר בכה וזה אומר בכה) דר
זאגט אזו און דר ענטפערט אזו און עס איז פארט ניט גוט.
און ער הערט אלץ. ער קאן ניט אויס ליידן. און זאגט צוא
זיי אזוי בלאנזעט איר אבער גאר מיאוס. דר פשט איז אזו און
אזו. די האבן דר הערט וואס ער זאגט זיי. האבן זייא אים
געבעטן אדרבא זאג דיא וויא אזו איז דער פשט. ער איז
אפילו ניט צוא גגאנגען צום טיש. און האט זייא אויסווייניג
גזאגט. זייא האבען דער הערט. אז ער איז אין פוסק
אויך קלאר. האבן זייא אים צוא דער וועטשירע נאך שענער
מכבד גוועזן ווארום זייא האבן באר שטאנען אז ער קאן
אסך בעסר לערנן פון זיי. און זיי ווייסן נאך גאר ניט וום לערנן
בטייט. זיי זאגן דעם פאטר שטילערהייט דו זאלסט וויסן אז
ער קאן אסך בעסר לערנן פון אונז. ער איז קלאר אין פוסק
אויסווייניג. לכן זאלסטו ביי דר וועטשירע מיט אים ריידן אז
ער זאל מיט אונז לערנן בתורת חבר און דר פר וועסטו
אים געבן דרייסיג קערבליך. און אונזער קליין ברודעריל וועסטו
אפ פירען אין שטאט אריין. אזו איז געווען דר רונגדאר הט
ביי דר וועטשירע אן גהויבן צו ריידן מיט דעם בחור. און
זאגט אז גאט הט מיר צו גשיקט אזו איונגען מאן וום קאן
מיט מיינע קינדר לערנן בתורת חבר. איז פר דיר אויך גלייכר
דו זאלסט בלייבן ביי מיר. דו וועסט בלייבן ביי לערנן.
און מיינע קינדר וועט אויך זיין א טובה. און דר פר גיב
איך דיר דרייסיג קערבליך ביז אין דעם סוף זמן. און עסן
און טרונקן אויף דעם שענסטן אופן מיט איין שיינע קאפאטע
אז עס זאל זיין שיין פר מיר מיט מיינע קינדר. דר בחור
הערט דם. ער איז מרוצה גוואורן דר צו אויך מען הט אים
תיכף אן גטאן שיינע קליידר. און זיי לערנן שון אין איינם
בתורת חבר. און דם קליינע יונגעל הט דר פאטר אפ גפירט
אין שטאט אריין צו דעם אייגינעם מלמד. אז דר בחור הט
אן גהויבן מיט זיי צו לערנן האבן זיי קלאר ארוס גזעהן

אז ביז אהער האבן זיי גאר ניט געוויסט וואס לערנען איז . ער
האט זייא אויך געפינגט דיא אויגען מיט דעם שכל . זייא געהן
צום פאטער אונ דאנקן דעם פאטער פאר וואס ער האט זיי געגעבן
אזו א חבר . זיי האבן אפ געלערינט די גאנצע וואך . עס איז
געקומען פרייטאג נאך האלבן טאג . זענען די יונגע לייט געפארן אין
מרחץ אין שטאט אריין זיי האבן דעם בחור אויך געבעטן ער
זאל מיט זיי פארן אבער ער האט ניט געוואלט . אויף דעם
אנדערן פרייטאג זענען זייא אויך געפארן אין שטאט אריין
פרעגט ער די יונגי לייט אייער רב פון שטאט קאן עפיס
לערנען . זאגן זיי מסתמא אז ער איז איין רב קאן ער בוודאי
לערנען . זאגט ער איך וועל מאכן איין פרוב . אונ האט גנומען
דעם יורה דעה אונ האט מיט זיי געלערינט די וואך . אונ האט
געוויזען איין סתירה דס היימט איין דר ווידר פון איין שטיקעל
ש"ך אויף דעם אנדערן . אונ דס זאלט איר ווייזען דעם רב .
גאר ער וועט אייך בוודאי ענטפערן אזוי א תירוץ . זאלט איר
אים אזו אפ פרעגן . וועט ער אייך אזו ענטפערן זאלט איר
אים אזו אפ פרעגן . אונ אז ער וועט שוין קיין אנדערן תירוץ
ניט האבן . זאלט איר אים זאגן דעם תירוץ אזו . אונ האט
זיי גוט קלאר געמאכט אז זיי זאלן ניט בלייבן אין מיטן שטיין :

**ויסעו מכפר לעיר** אזו איז געוועז זיי זענען אוועק געפארן
אין שטאט אריין אין מרחץ אונ זענען
אריין גיגאנגען צום רב דער רב האט דר זעהן די יונגע לייט האט
ער זיי גאנץ שיין צו גנומען . איינס מחמת זייער פאטער איז
א גרויסר גביר . צווייטענס זיי זענען אליין שיינע יונגע לייט . ובפרט
זיי זיצען אונ לערנען (יומם ולילה) טאג אונ נאכט . דר רב האט
זיי מכבד געוועזן מיט משקה אונ פר ביסן . דר נאך זאגן
די יונגע לייט צום רב . רבי מיר האבן אייך עפעס צו פרעגן
אין יורה דעה זאגט ער פרעגט קינדערליך . זיי האבן אים
געוויזן אונ האבן אים געפרעגט די (סתירה) דעם ווידר אנאנדר .
ער האט מעיין געוועזן אין דר וואך אונ ענטפערט זיי א תירוץ אזו
ווי דר בחור האט אין דר היים געזאגט . האבן זיי אים אפ
געפרעגט . האט ער זיך געמוטשעט . אונ האט אנדרש פר ענטפערט .
האבן זיי אים ווייטער אפ געפרעגט . ער האט שוין קיין אנדערן

תירוץ נים גהאט. זאגט דר רבי אפשר האט איר עפים איין תירוץ. זאגן זיי אונז דאכט זיך אז אזו איז דר פשט אונ האבן אים גזאגט. דר רב האט דר הערט דעם תירוץ. זאגט ער זיי קינדרליך איך קאן אייך גאנץ גוט. איך פר שטייא אז די קשיא איז נים אייער. אונ דר תירוץ איז בוודאי נים אייער לבן בעט איך אייך איר זאלט מיר זאגן וועמעס שכל איז דרונגן אזו צו פרעגן אונ אזו צו פר ענפערן אונ ווער איז דר מענטש. זיי האבן אים נים גוואלט זאגן מחמת זיי האבן פר אים מורא גהאט טאמער וועט ער זיך בייזערן. דר רב האט אוף זיי גוזר גוועזן בגזירת הרב זיי האבן אים גמוזט זאגן. האבן זיי אים דר ציילט אז עס איז צו זיי גקומן איין ארומער בחור. אונ זיי האבן אין אים דר שמעקט אז ער קאן גוט לערנן האבן זיי אים פר האלטן ביי זיך אז ער זאל לערנן מיט זיי בתורת חבר. האט ער אונז אום גלערינט ווי אזו צו פרעגן. אונ וואס צו ענפערין אונ ווי אזו דר אמתר פשט איז. אז דר רב האט דאס דר הערט האט ער זיי גבעטן אז איבר אכט טאג פרייטאג זאלן זיי אים ברענגן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אים איבר ריידן אין תרומות ומעשרות וועלכס עס איז אים קשה אונ ער האט נים מיט קיינעם די זאך איבר צו ריידן. אונ ווערלוג ער פר שטייט איז ער איין שטארקר חריף ובקי. וועט ער מיט אים די זאך ריידן. די יונגע לייט האבן אים צו גזאגט אז זיי זאלן אים ברענגן אין שטאט אריין. די יונגע לייט זענען גקומן אהיים פון מרחץ. זיי האבן אים דר ציילט אז ער האט אקאראט גענפרט אזו ווי ער האט גזאגט. אונ דר נאך האבן זיי אים גזאגט זייער תירוץ איז אים זייער גפעלן. אונ ער האט אוף אונז גוזר גוועזן בגזירת הרב אז מיר זאלן אים זאגן (מי הוא זה ואי זה הוא) ווער איז דר מענטש וואס האט אזו אמות אזו צו פרעגן אונ אזו צו ענפערן. האבן מיר גמוזט זאגן. האט ער גבעטן אז איר זאלט אנדערש נים טאן נאר איר זאלט פרייטיג קומן מיט אונז צו פארן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אייך איבר ריידן אין לערנן וועלכס ער קאן מיט אנאנדערן דיא הלכתא גיט ריידן. ענפרט דר בחור איך וועל אים צו ליב

טאן

טאן אונ וועל אי"ה פרייטיג פארן . עס איז גקומן פרייטאג זאגן די יונגע לייט צום פאטר אזו ווי דר רב הט גבעטן אז מיר זאלן ברענגן דעם בחור צו אים . אונ דר צייכן איז אז דס וואס ער הט גיפרעגט הט דר רב ניט גוויסט . גל בן וויכן מיר אוך פארן מיט אים לאמר הערן וואס דארטן וועט זיין . לכן זאלסטו אונז היינט איין שפאנן די גרוסע נאטשאנקע מיט דריי פערד אזו ווי אונז שטייט אן . דר רענגבאר הט באלד גשאפט מען זאל שפאנען די באטשאנקע מיט דריי פערד אונ זענן אוועק גפארן . זיי זענן גקומן אין שטאט אריין זענן זיי פר פארן גלייך צום רב . דר רב גיט אים שלום אונ רעט מיט אים זיינע שאלות וואס ער הט גהאט צו ריידן . דר פר ענטפערט אים יעדער זאך אונ נוויזט אים אום פון ספרים אז דר אמת איז אזו :

וישב הרב במשתומם דר רב איז גיבליבן זיצן . ער וואונדערט זיך ווי הט זיך גנומן צו אמענטש אזא מוח . אונ אזא קלארן שכל דער ווייל גייט דר בחור צו צו דר שאפע פון ספרים אונ דר זעהט קבלה ספרים . פרעגט ער דעם רב . איר הט עפים איין ידיעה אין קבלה ספרים זאגט ער אבי"של . ער טוט אים אין דעם ספר וואס ער הט ארוס גנומען פון דר שאפע אפרעג אזאך ער זאגט אבר ניט אמת . האט דר בחור אים גזאגט הט ער גוויסט אין דעם לערנן פון קבלה אזו ווי אגרויסר מקובל דר רב קוקט אים אן . ווי האט זיך גנומן צו איין מענטשן אזא קאפ אין נגלה אוך אין נסתר . די יונגע לייט זיצן אונ הערן ווי א דר בחור איספראוועט זיך סייא אין נגלה סייא אין נסתר . (בין כך ובין כך) ווי זיי ריידן אזו . איז דר רב ארוס גגאנגן פון דר סאלע אין איין קאמנאט אריין אונ הט זיך ניט פיל גזאמט אונ איז אריין גקומן . דר רב אליין איז אוך גוועזן איין גביר . אונ הט מיין ניט גהאט נאר איין בת יחידה . אונ זי איז גוועזן איין שיינער פארשון . אונ אגילערענטע . ווי זיי זיצן קומט אריין צו גיין די בת יחידה אוס גצירט מיט אלע תכשיטים אונ טראגט אריין משקה מיט פר בייסן . די יונגע לייט איז קשה גווארן .

ווי קומט דס אז א בתולה זאל זיך אום ציהן איידר מען פר
רוקט צאלענט . זיי האבן צו גישווינן . אונ זענן אהיים
גפארן . דיא יונגע לייט דר צייקן דעם פאטר דיא גאנצע
מעשה ווי אזו ער איז איין גאון אין נגלה אוך אין נסתר .
אונ זאגן דעם פאטר אונז גפעלט אז דם ווס די בתולה דעם
רבס הט זיך אזו פרי אום גצירט . איז ניט אנדערש דר רב
וויל אים . בוודאי נעמן פר איין איידעם . על כן איז אונזער
דעה . אזו וויא מיר האבן איין שוועסטר אין דיא אייגענע
יארען וואס דעם רבס בתולה . אין דיא קאנסט אים געבן
גרן אזו ווי דר רב . על כן זאל מען שבתות צו נאכט
מיט אים ריידן . אונ מען זאל דם שוועסטירל אוך שיין
אום ציהן . אונ מען זאל זעהן מיט אים שרייבן תנאים .
אונ דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . כדי דר רב
זאל גאר ניט וויסן . אונ עס זאל ווערן פרוצלינג אחתונה .
דר פאטר הט דם דר הערט . זאגט ער איר זענט גרעכט
דר רב מיינט בוודאי דם דאזיגע . ער וויל אים פאר איין
איידעם . אונ מען דארף דם מאכן כדי ער זאל זיין אייער
שוואגער . ווערט איר אין אייגם זיצן אין לערנן וועט דם
זיין ביי מיר זייער טאייער אז איר וועט אלע קאנן לערנן .
דר שבת איז גוועזן ביי זיי גרעכענט איין יאר . דר שבת
גייט אוועק מען הט גמאכט איין קאווע אונ מען האט זיך
גזעצט אלע טרונקען . אונ דם שוועסטירעל הט מען גאנץ
שיין אום גיסטרויעט . זאגט דר פאטר האראך נאר צו מיין
קינדר ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן . איך וויל אז דו
זאלסט זיין מיין איידעם . אין דיא קינדר איין שוואגער כדי
איר זאלט זיצן אין אייגם אין לערנין . אונ גרן אונ מלבושים
איז קיין מניעה ניט וויפיל דו וועסט זאגן גיב איך דיר .
אונ זעה די בתולה אז זיא איז איין יפיפיה . אונ וועסט דיר
זיין שון אוף איין ארט . אונ וועסט פר שפארן שון אנדערע
זאכן צו טראכטן . דער בחור דר מאנט זיך אין דעם רעבס
ווארט . אז דארטן ווי מען וועט אים בעטן פר איין איידם
זאג איך ווערין . ענטפערט דר בחור (אם מה' יצא הדבר יוגמר
בכי טוב) פון סטפם הייסט גאט אזו לאז זיין מיט מזל טוב .

זיי האבן גגעבן זיך דיא הענט אונ מען האט גיבראכן ווייס
גפעס אונ גשריבן תנאים . אונ מענטשן וואס זענען גוועזן
נאך אין דארף האבן זיך גתחתנת אונ אויף דעם אנדערן
שבת זאל זיין פאר שפיל . קאן מען אליין פר שטיין וואס
איין שמחה עס איז גווארן אויף דר גאנצער פאמעליע .
זונטאג אין דר פריא דר רענדאר איז גפארן גיך אין דר שטאט
ווי דר רב איז נאר אין איין אנדער שטאט אונ האט
אן גנומען אין קלייט אלדעם גוטן וועגן דר כלה אויך
וועגן דעם חתן . אונ מען האט אן גיטרובען שניידערס .
שוסטערס . פארוועדס . אונ כל הזאכן וואס מען דארף
צו איין חתונה . אונ מען האט גיטרעביוועט אלדונג . בכדי
אז עס זאל זיין אויף שבת גרייט . פרייטיג ביי טאג שיקט
דר רענדאר צווישן זיינע רענדארס . אונ מען האט גיבראכט
מיידלך צו דר כלה אויף דעם פאר שפיל . אונ אין דר שטאט
ווי דר רב איז גוועזן ווייסט מען קיין שום זאך גיט וואס דא טוט
זיך . שבת איז גוועזן דאס אויף רופן . אונ דר פאר שפיל
מיט גרוס אויף צוג . אונ מיט פיל פרייד . דינסטיג שיקט
דר אירענדאר אריין פירען נאך דעם רב אונ דיינים אונ נאך
אלע (יקירא קרתא) פאר נעכסטע מענטשן . זיי זאלן קומען
אויף דעם חתן מאל . דר רב האט דר הערט אז דר בחור איז
גיבליבן ביי דעם רענדאר פר איין איידעם . האט ער מיט דר
רעביצען מיט דר בת יחידה אן גהויבן צו חלושען אז מען
האט זייא קאם דר מינטערט . נא זיי . האבן גזעהן אז די
יונגע לייט האבן זיי דס אפ גטאן . דר ווייל איז ער דאך איין
רב . ער האט מיט גנומען דס ווייב מיט דר בת יחידה . אונ
זענין גפארן אין דארף אריין . ווי דר רב איז גקומען זאגט ער
צום רענדאר . גלויבט מיר אז איר זאלט ביי מיר צו נעמען מיין
גאנץ רייכקייט . וואלט איך אייך אזא שונא גיט גוועזן ווי דר
פר וואס איר האט ביי מיר צו גנומען דעם חתן . דר רענדאר
שווייגט . אבער אין הארץ איז אים גרויס פרייד . אז ער האט
אזא כלי דר טאפט . אונ דר רב איז אויף זיך אליין ברוגז פר
וואס האט ער דעם שכל גיט גטאן . אז ער זאל אים גוועזן בעטן
אויף שבת צו זיך וואלט ער זיך גוועזן גישריבן מיט אים תנאים .

נאר עס איז שוין פר פאלן . על כל פנים מען האט אהן גהויבן
צו פראווען דעם חתן מאל . זעצט זיך אנידר דר רב אין דיא
דיינים . דר חתן הייבט אן זאגן איין דרשה . אז עס האט גיבראכן
מוחות . די דיינים זענען גיבליבן פר דולט . זיי האבן שוין ניט
גוויסט וואס ער זאגט . נאר דר רב האט גיהאלטן מוח . ער
האט אזויא אוועק גזאגט איין ערך א פאר שעה . דר רב
מיט דעם ווייב מיט דר בת יחידה זייא גייען אום פון דיא
כוחות . מען האט אפ גפראוועט דעם חתנמאל פרייליך מיט
דר מאזיקע . אין דר פריא מען פראוועט ווייטר א סעודה אוף
דעם העכסטן אופן . זייגר צווי האט מען גמאכט דעם באדעקנס .
דר נאך איז דר רב גיגאנגן צום חתן האט דר חתן אנגיהובן
צו זאגן קבלה מעגן החתונה אז עס האט אים גפלאמט דם פנים
ווי פייער . ער האט אזוי ארין גרעט אז דר רב האט שוין ניט
פר שטאנען . וואס ער זאגט מיין תורה ווערט דעם רב מיין
לעבר אין הארצן . אין קורצן מען האט זיי גפירט צו דר חופה
איז ערשט דר עולם פרייליך גוואורן נאר אוף איין אנדר אופן .
מען האט אפ גפראוועט די סעודה עס איז גקומן צו דר דרשה
גישאנק דר חתן האט גזאגט זייער א גוטע דרשה . בקיצור מען
האט גפירט חתן כלה ביי לייגן דר חתן האט זיך אנגיהובן אום
טוען האט ער זיך דר מאנט אז דר רבי הצדיק האט אים
אריינגינייט אין דר כנפה איין קוויטיל און האט אים אנגיזאגט
אז ער זאל פר דר חופה דם ארויס נעמן . און ער האט גאר
פר געסן . על כל פנים דר חתן טוט זיך איבר גייעם אן און
איז תיכף ארין גיגאנגן . דר פאטר מיט דר משפחה האבן דם
דר זעהן זענען זיי זייער דר שראקן גוואורן . אוי וואס באטייט
דם . דר חתן איז צו גיגאנגן צום רב און זאגט אים נעמט
מיט זיך די (שושבינים) אונטר פירערס און קומט מיט מיר
ארין אין איין באזונדר חדר איך האב אייך עפעס צו זאגן .
דר רב האט באלד גנומן די אונטר פירערס און זענען ארין
גיגאנגן אין איין באזונדר חדר . זאגט דר חתן איר זאלט וויסן
אז איך האב עובר גוועו אוף דעם רבים אן זאג נאר איך
בין ניט שולדיג איך האב גאר פר געסן . על כל פנים ווייזט
ער צו די כנפה און זאגט אז דא אין דר כנפה ליגט איי.

קוויטיל האט דר רבי מיר אליין ארויס גילייענט אונ האט מיר אנגיזאגט אז דר רב פון דעם ארט ווי איך וועל זיין מיט די אונטער פירערס זאלן דאס ארויס געמן פר דר חופה. דר רב נעמט דאס פענעטעסירעל אונ טרענט אויף די בנפה אונ נעמט ארויס דאס קוויטיל שטייט אין קוויטיל (היתכן שישא איש את אחותו) איז דען רעכט אז איין מענש זאל נעמען זיין שוועסטער דר רב מיט די שושבינים קוקן אין קוויטיל אבר זיי ווייסן קיין טייטש ניט וואס ער האט אנגישריבן; דאס ווייסט איטליכר מענש אז זינט נאך מתן תורה מיר קיין ברודר ניט נעמען קיין שוועסטער. זיי ווייסן ניט וואס דאס באטייט. דר וויל האט גיווארט די קלעריכן ערך איין פערטיל שעה. דר מחותן האט דר זעהן אז עס גדויערט זייער לאנג האט ער גנומען די קינדר. אונ איז צו גיגאנגן צו דר טיר אונ האט אקלאפ געטאן אין דר טיר מען האט אים געענפרט. דר הערט דר פאטער אז עס איז דא עפים איין קוויטיל שטייט (היתכן שישא איש את אחותו) אונ מען קלערט וואס באטייט דאס. רופט זיך אן דר פאטער זאג מיר מיין קינד פון וואנען קומסטו ארויס נאר דעם אמת. זאגט דר חתן גלייבט מיר אז איך ווייס ניט. נאר דאס גדענק איך אז אנבריי ער האט גהייסן איוואן האט מיך ארויס גנומען פון איין גרוב. ביי דעם אונ דעם שררה אונ האט מיר גיגעבן צוליבע פערבליך אונ האט מיך אריבר גישטעלט איבר דעם גרעניץ פון דעם שררה אונ מען האט מיך אזוי לאנג גפירט ביז צום רבי הקדוש ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב אונ ער האט מיך גמאכט פר איין יוד. דר פאטער אונ מוטער האבן דאס דר הערט איז זיי ארויס גקומן אין שכל. אפשר איז דאס זייער קינד וואס זיי האבן פר געסן אין גרוב. רופט זיך אן דר פאטער מיין קינד דו גדענקסט נאך דאס דארף פון דעם שררה. זאגט ער יוא. גדענקסט די בעלי בתים פון דארף זאגט ער יוא. האט דר רענדאר אן גהויבן אום צו רעכענען די נעמען פון די בעלי בתים אונ דעם בעל הבית איוואן אונ זאגט איין סימן ער איז איין בעזדימניק. אונ רעכינט אים דעם לאקאשען דעם שלעכטן. דר חתן האט דאס גהערט אונ שווייגט דר פאטער אונ מוטער זענען אים ארויף געפאלן אויף דעם האלדז

אונ׳ האבן אן גיהובן צו קושן . זיי ביקט אונזר זון . בקיצור זיי האבן זיך צו דעם . דר חתן זאגט דעם סימן . די פאטר אונ מוטר זאגן דעם סימן . דר אמת איז אז ער איז זייער קינד . היינט איז דר רעכטר שוין זיין פאטר . אונ די קדושין זענן בטעות זענן זיי גיט מל . דר רב האט דס דר הערט . זאגט ער צו דעם פאטר . נא היינט נעמט איך פר אייך מרויתן אז השי"ת האט גיהאלפן אז הצדיק הקדוש האט פר היט אז ער זאל ניט נכשל ווערן אין עבירה כזו . איך גיב אייך דעם גרן נום איר האט צו גזאגט אים . אונ דאמר שטעלין איבר נאייעם ארופה בשירה למזל טוב . די פאטר אונ מוטר האבן ניט פיל גיטראכט אונ מזל טוב אונ מען האט גישטעלט איין חופה מיט דעם רבס בת יחידה אונ זיי זענן גיוועזן נגידים ביז צייט זייער לעבן . השי"ת זאל אויף אונז ברחמנות האבן אונ זאל תמיד אפ היטן אז מיר זאלן חלילה ניט נכשל ווערן אין קיין שום עבירה . ובזכות זה וועט אויף אונז דר רוסישער קיסר יר"ה אונ אלע זיינע שרי מלוכה גוטע הערצר האבן . אונ זאלן אונז גוטס טאן ער ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה :

ענדע